d06b635

זיצונג פון עקזעקוטיוו דעם 31 מערץ 1924

באטייליגט זיך:גארין,זילבערפארב,יאשונסקי,ראזענבעט און מיטגליד פון ■ק וויקטאראוו.

<u>לאנדווירטשאפטלעכע אסיגנירונגען</u>
1)אסיגנירן פאר ווילנער ראיאן אויף איינקויפן זריעות(קאנישינע,סעראדעלע און דעסגל
200 $,אויף איינקויפן אונגערקעס 144 $,אויף איינקויפן איין קאמפלעקט צענטראפוגע
100 $,אויף צוויי איינצעלנע קרעדיטן אלס אויסנאם 200 $ און אויף שול-גערטנערײ אין
ווילנע 86 $.פארן לאנדוו.קאאפעראטיוו אין אסטרין אסיגנירן 1000 $.
2)לויטן באריכט פון וויקטאראוו אסיגנירן פאר די 5 יונגע לײט,וועלכע זיינען אנגעקו-
מען זיך לערנען לאנדוו.ארבעט אין ראבינאוויטשעס הויף,א איינמאליגע סובסידיע פון
100 $,וועלכע זאל זײ ארויסגעגעבן ווערן אויף איינצוקויפן לעבעדיקן און טויטן אינ-
ווענטאר נאכדעם ווי זײ וועלן ווי געהעריג פארענדיגן די ארבעט אין דעם דערמאנטן הויף
3)פאר גראדנער ראיאן אסיגנירן--אויף בינענצוכט 200 $,צענטראפוגעס 150 $,איינ-
קויפן קאנישינע 50 $,אויף איינצעלנע הלוואות אין ראיאן 600 $ און אויף הלוואות
דורכן בריסקער קאאפעראטיוו 400 $.
4)פאר ווילנער ראיאן אסיגנירן אויף אינדיווידועלע הלוואות און פאר די קאאפערא-
טיוו 1000 $.
5)אסיגנירן אויף צו פארענדיגן די סעדערײ-אקציע ביז 900 $.

<u>לאנדווירטשאפטלעכע לאגערן</u>
די קלענערע לאגערן מכשירים,וועלכע געפינען זיך אין די לאגערן אין א גרעסערער צאל
פארקויפן צום סעזאן אין פריוואטע הענט,איבערלאזנדיק א געוויסן קוואנטום פאר די
לאנדווירטן.

<u>אסעקוראציע פון לעבעדיקן אינווענטאר.</u>
באאויפטראגן וויקטאראוון זיך צו פאראינטערעסירן מיט דער פראגע,אום צו געבן די
לאנדווירטן די נויטיקע אינפארמאציעס און אינסטרוקציעס.

<u>רעדוקציע פון די פאראנטווארטליכע מיטארבעטער פון צק.</u>
דורכצופירן די רעדוקציע,לויטן באשלוס פון צק,פון 1 מאי.
אנצוערקענען,דאס דער רעדוצירטער מיטארבעטערדארף באקומען קאמפענסאציע לויט די
אלגעמיינע כללים.
בנוגע צום פון פארווירקליכן די ליקווידאציע ווערט גענומען צו קענטעניש פאלגנדע
ערקלערונג פון די 4 מיטארבעטער:
„אויב ביז דעם 1 מאי וועט די פראגע וועגן רעדוקציע ניט ערלעדיגט ווערן אוט-
טאמאטיש,זיינען די 4 מיטארבעטער גרייט פונאנדערצוטיילן צווישן זיך זייער אר-
בעט צוזאמען מיט דער ארבעט פון אינספעקטאר איבער פאטראנאטן,פארטיילנדיק צווישן
זיך די געהאלטן פון 3 מיטארבעטער און פון אינספעקטאר,אזוי אז די הוצאה פון
צק וועט זיך פארקלענערן אויפן געהאלט פון 1 מיטארבעטער".

<u>רעדוקציע פון די געהאלטן פון די אנגעשטעלטע ביים צק</u>
פירן מיט די אנגעשטעלטע אונטערהאנדלונגען,אז זײ זאלן נעמען אין אכט די שווערע
פינאנס-לאגע און זאלן אנערקענען די געמאכטע רעדוקציע פאר א ענדגילטיגע.אויב
זײ וועלן דערויף ניט איינגײן,מעלדן,אז די ניט דערצאלטע סומען וועט מען זײ אויס-
צאלן אין א טערמין פון 10 וואכן.
גענומען אין אכט די ערקלערונג פון די 4 פאראנטווארטלעכע מיטארבעטער,אז זײ פרע-
טענדירן ניט אויף די ניט-דערצאלטע סומען.

<u>וואלינער אנגעלעגנהײטן</u>
1)אויסצאלן דער ליקווידירטער אנגעשטעלטער שטערנבערג ליקווידאציע לויט ביגעלעג-
טען פסק-דין פון בורר.פארלעגן גארינען דורכצופירן,אז די אפרעכענונג זאל פארר
מען לויטן געהאלט צום 15 מערץ.
2)מעלדן דעם אינספעקטאר איבער פאטראנאטן דענעבערג,אז זיין ארבעט ענדיקט זיך
דעם 15 אפריל.
3)וועגן ראוונער לאקאל באפולמעכטיגן גארינען אין ערגסטן פאל צו פארדינגען דעם
לאקאל פריוואט.
4)די אדאפטירטע יתומים פון קאוועלער ווארשטאט אויסשליסן,אויב די יתומים-קאמי-
סיע וועט אויפהערן צו צאלן פאר זײ שכר-לימוד לויטן ביזאהעריגן מאדוס.
5)פארלעגן דעם אגר.זעעמאן צו נעמען אויף זיך די ביורא-ארבעט אין ראוונע,וועל-
כע שטייט אין פארבינדונג מיט דער לאנדווירטשאפטלעכער אקציע.